# ויגש

א. מ׳האָט שוין גערעדט פיל מאָל, אַז רש״י בפירושו על התורה באַוואָרנט יעדע שאלה וקשיא וואָס מ׳קען פרעגן אין לימוד פשוטו של מקרא[1]; און אין די ערטער וואו מ׳געפינט ניט אַז רש״י זאָל מבאר זיין אַן ענין המוקשה אין פסוק, איז עס אַ באַווייז אַז ער האָט דאָס שוין באַוואָרנט אין אַ פריערדיקן פירוש (אָדער, אַז דאָס איז מלכתחילה קיין קשיא ניט אין לימוד ע״ד הפשט).

לפ״ז דאַרף מען פאַרשטיין בפרשתנו, אין דעם סיפור[2] ווי יוסף האָט זיך גע־לאָזט דערקענען צו זיינע ברידער, ווען דער פסוק דערציילט אַז יוסף האָט צו זיי געזאָגט „אני יוסף העוד אבי חי"[3] — שטעלט זיך גלייך די תמי׳ (ווי כמה מפרשי התורה פרעגן טאַקע):

דער תוכן הפרשה ביז אַהער, איז דאָך וועגן די רייד פון יהודה צו יוסף׳ן ווי יעקב האָט ניט געוואָלט שיקן בנימין׳ען קיין מצרים (מצד החשש פון „ועזב את אביו ומת"[4]), און — ווי יהודה האָט מורא אַז אויב יוסף וועט פאַרהאַלטן בנימין׳ען וועט עס יעקב ניט אויס־האַלטן, „והי׳ כראותו כי אין הנער ומת"[5], און די אַלע רייד האָט יוסף דער־הערט, זיי האָבן דערנומען יוסף׳ן ביז „ולא יכול יוסף להתאפק וגו׳"[2] — היינט ווי קומט עס, אַז נאָך דעם אַלעמען זאָל ער ערשט פרעגן „העוד אבי חי"?

אויך דאַרף מען פאַרשטיין: מ׳געפינט ניט אַז יוסף זאָל וואַרטן אויף אַן ענט־פער[6] פון זיינע ברידער אויף דער שאלה „העוד אבי חי", באַלד ווי ער האָט גע־זען אַז „ולא יכלו אחיו לענות אותו כי נבהלו מפניו"[3], האָט ער ווייטער גע־רעדט צו זיי — „ויאמר[7] גו׳ גשו נא אלי . . ויאמר אני יוסף וגו׳", און זיי דער־ציילט ווי אַזוי ער איז געוואָרן דער מושל בכל ארץ מצרים, און מסיים געווען „מהרו ועלו אל אבי גו׳" און ברענגען אים קיין מצרים[8].

מוז מען זאָגן אַז יוסף האָט זיכער גע־וואוסט אַז זיין פאָטער לעבט און אין די ווערטער „העוד אבי חי" ליגט אַן אַנדער מיינונג.

ב. דער אברבנאל[9] לערנט, אַז יוסף האָט דאָס געפרעגט (ניט צו מאַכן זיכער אַז יעקב לעבט נאָך, נאָר) „כדי להכנס עמהם בדברים": וויסנדיק אַז די ברידער

---

1) כי במקומות שאין (לרש״י) ביאור ע״ד הפשט — אף שישנו ביאור ע״ד הדרש — כותב „לא ידעתי" וכיו״ב (נסמן בלקו״ש ח״ה ע׳ 1 הערה 2 ובשוה״ג שם).

2) מה, א ואילך.

3) שם, ג.

4) מד, כב.

5) שם, לא.

6) ואין לומר שענו אלא שלא פירש הכתוב מענתם (ע״ד שלא פירש הכתוב במקומו שאלת יוסף „העוד אביכם חי היש לכם אח" (מקץ מג, ז) „היש לכם אב או אח" (פרשתנו מד, יט)) — כי מפורש „ולא יכלו אחיו לענות".

7) מה, ד ואילך.

8) ולכן דוחק לפרש (כפי׳ הרלב״ג, כלי יקר עה״פ. ועד״ז בפני דוד להחיד״א) שחשש יוסף שאמרו זה רק כדי להשיג המבוקש, החזרת בנימין (ע״ד מ״ש רש״י לעיל (מד, כ): ואחיו מת, מפני היראה הי׳ מוציא דבר שקר כו׳ — והרי יוסף ידע שזה שקר). ועיקר: הרי כבר שאל אותם „השלום אביכם גו׳ העודנו חי" וענו לו „שלום גו׳ עודנו חי" (מקץ מג, כז-כח), ואז לא הי׳ להם שום טעם לשקר.

9) ועד״ז הוא בטור הארוך כאן (בתי׳ הג׳).

װעלן װערן פאַרשעמט װען ער זאָגט זיי „אני יוסף", האָט ער געזוכט אַ װעג צו רעדען אויך װעגן אַנדערע זאַכן. און די ערשטע זאַך איז געװען װעגן דעם פאָטער (האָבנדיק בדיעה צו פרעגן אויך װעגן די אַנדערע בני המשפחה א.א.װ., נאָר עס איז ניט געקומען דערצו װייל „ולא יכלו אחיו לענות אותו כי נבהלו מפניו"[3]).

ועפ"ז װאָלט מען געקענט זאָגן, אַז אויך רש"י לערנט אַזוי דעם פשט אין פסוק, און ער דאַרף עס ניט שרייבן בפירוש, װייל ער האָט שוין עד"ז מפרש געװען פריער — אויפן פסוק[10] „ויאמר לו איכה" — „איכה, יודע הי' היכן הוא אלא ליכנס עמו בדברים שלא יהא נבהל להשיב כו'". ועד"ז אויפן פסוק[11] „אי הבל אחיך" — „להכנס עמו בדברי נחת כו'". און רש"י פאַרלאָזט זיך דאָ אויף זיין פירוש אין יענע פסוקים.

אָבער דער פירוש איז ניט אינגאַנצן גלאַטיק בנדו"ד, װייל לאחרי אריכות הדיבור פון יהודה'ן װעגן דער װירקונג פון בנימין'ס פאַרהאַלטונג אין מצרים אויף יעקב'ן, איז כדי להכנס בדברים האָט יוסף ניט געדאַרפט פרעגן „העוד אבי חי", נאָר גלייך אָנהייבען מיט נאָכפרעגן װעגן זייערע משפחות וכו'.

ג. לכאורה קען מען פאַרענטפערן, אַז דער לשון „העוד אבי חי" (מיט אַ ה"א) איז ניט קיין שאלה (צי „אבי חי"), נאָר ס'איז אַ לשון תמי' — װי רש"י האָט שוין מפרש געװען כמה פעמים, באַ „השומר אחי אנכי"[11] — „לשון תימה הוא" ועוד[12]: און אַזוי אויך בעניננו, איז ביי יוסף'ן געװען אַ תמי' ופליאה װאָס „עוד אבי חי".

(דער חילוק איז נאָר, אַז ביי דער דוגמא הנ"ל (און ברוב המקומות) איז די תמי' מבטל די זאַך וקס"ד — קין האָט געהאַלטן אַז ער איז ניט „שומר אחי"; משא"כ בנדו"ד איז דאָס אַ תמי' קיימת: יוסף װייס אַז יעקב לעבט נאָך, נאָר דאָס רופט ביי אים אַרויס אַ תמי' — און װי רש"י האָט שוין פריער מפרש געװען (אויפן פסוק[13] „הלבן מאה שנה יולד") „יש תמיהות שהן קיימות").

מען דאַרף אָבער פאַרשטיין[14]:

(א) יעקב איז דאַן אַלט געװען „שלשים ומאת שנה"[15] (אַ סך װיניציקער װי שני אברהם ויצחק[16]) — הייַנט װאָס איז דער פלא „העוד אבי חי"?

(ב) ועיקר: װאָס האָט עס פאַר אַ שייכות צו התחלת דיבורו „אני יוסף"?

(ג) צוליב װאָס, בכלל, האָט יוסף דערציילט זיין תמי' צו די ברידער, און נאָך טאָן דאָס באַלד אין זעלבן מאָמענט װען ער האָט זיך צו זיי געלאָזט דערקענען — „אני יוסף העוד אבי חי"?

(בשלמא אויב דאָס איז אַ שאלה, קען מען זאָגן, אַז אדרבא בעיקר איז אים געװען נוגע צו װיסן װעגן זיין פאָטער, און דערפאַר האָט ער ביי זיי גלייך גע־פרעגט „העוד אבי חי"; אויב אָבער אַז

10) בראשית ג, ט.

11) שם ד, ט.

12) רש"י וירא יח, כה. תולדות כז, לו. שם, לח. ויצא כט, טו. ועוד.

13) לך יז, יז (ראה רא"ם ועוד שם). וצע"ק מה שהוצרך רש"י להביא דוגמאות מנביאים ולא הביא הפסוק דכאן, אלא שבלאה"כ קשה למה לא הביא מש"נ לפנ"ז בראשית ג, יא וכפרש"י שם „בתמי'" (ראה מפרשיו שם). ואכ"מ.

14) נוסף על השאלה — בלשון חז"ל (מגילה כח, סע"א) — שאל כו' במה הארכת ימים א"ל קצת בחיי.

15) פרשתנו מז, ט.

16) קעה שנה (ח"ש כה, ז) וקפ שנה (וישלח לה, כה). ולהעיר מרש"י תולדות כז, ב. וראה לקמן ע' 463 הערה 38.

דאס אז יעקב לעבט האט ער געוואוסט, און „העוד אבי חי" איז נאר אן אויס־דרוק פון תמי׳ כנ״ל — וואס איז דאס געווען נויטיק צו ארויסווייזן גלייך דאן ווען ער האט זיי דערציילט אני יוסף).

ד. איז דער ביאור אין דעם בפש־טות:

רש״י האט שוין מפרש געווען פריער — אויפן פסוק[17] „וימאן להתנחם" — אז „אין אדם מקבל תנחומין על החי וסבור שמת, שעל המת נגזרה גזירה שישתכח מן הלב ולא על החי", און דערפאר — „ויתאבל[18] (יעקב) על בנו ימים רבים".

און דאס האט יוסף געזאגט צו זיינע ברידער — „אני יוסף (ובמילא ווערט די תמי׳) העוד אבי חי?!"[19]: וויבאלד אז „אני יוסף" — יוסף לעבט — קומט דאך אויס, אז צוויי און צוואנציק יאר נאכ־אנאנד האט יעקב געטרויערט אויף אים — און דערצו נאך „ויתאבל" וואס קומט נאך אן אהבה מער „מכל בניו"[20] — א צער מבהיל, שאינו רגיל כלל וכלל; איז א פלא הכי גדול ווי יעקב טראגט איבער אזא גרויסן צער[21] במשך שנים רבות און איז נאך אלץ ביים לעבן.

און דערמיט ווערט פארשטאנדיק וואס יוסף האט געמוזט ארויסזאגן די תמי׳ צו זיינע ברידער — ווייל דאס איז א הקדמה צו זיין ווייטערדיקן מדגיש זיין דעם ענין המהירות[22] פון ברענגען יעקב׳ן אין מצרים:

די מהירות איז ניט נאר „מהרו ועלו אל אבי גו׳"[23] אין דעם לאזן וויסן יעקב׳ן וואס פריער די בשורה טובה אז יוסף לעבט נאך (ובמילא וועט ער אויפהערן טרויערן אויף אים), נאר אויך „רדה אלי אל תעמוד"[23], „ומהרתם[24] והורדתם את אבי הנה" — וויבאלד אז עס איז אן ענין פון סכנת נפשות: נאך אזא צער — איז אפילו נאך „ותחי רוח יעקב"[25] דורך דער בשורה „עוד יוסף בני חי" — דארף אויך דער „אלכה ואראנו" זיין במהירות.

ה. עפ״ז וועט אויך ווערן פאר־שטאנדיק די אריכות הלשון פון יוסף׳ן, וואס איידער זיין זאגן צו די שבטים „מהרו ועלו אל אבי גו׳", האט ער דריי מאל איבערגע׳חזר׳ט „למחי׳ שלחני אלקים לפניכם", „וישלחני אלקים לפני־כם גו׳", „לא אתם שלחתם אותי הנה כי האלקים גו׳"[26]:

וויבאלד אז יעדער רגע וואס יעקב באגעגנט און זעט ניט יוסף׳ן איז פאראן א חשש פון סכנת נפשות, שטעלט זיך די שאלה: ווי האט יוסף זיך באנוגנט מיט זאגן צו די שבטים „מהרו ועלו אל אבי גו׳", אז זיי זאלן גיין קיין א״י און ברענ־גען יעקב׳ן פון דארט קיין מצרים — ער האט געדארפט גלייך אליין גיין במהי־רות קיין ארץ ישראל און זען יעקב׳ן, ווארום

[נוסף צו דעם, וואס מצד כיבוד אב האט ער געדארפט גיין צו יעקב׳ן (מתחילה) ובפרט אז עס דארף זיין במהירות גדולה און יעקב איז שוין גע־ווען א זקן[27], איז]

17) וישב לז, לה.
18) שם, לד.
19) ראה גם ש״ך עה״ת כאן.
20) וישב לז, ג.
21) ראה גם ספורנו, צרור המור, ועוד כאן.
22) ראה גם עקידה כאן.
23) מה, ט.
24) שם, יג.
25) שם, כז־כח.
26) שם, ה־ח.
27) מקץ מג, כז. פרשתנו מד, כ. ועוד.

דורך דעם וואלט עס געווען א משך זמן רב פריער:

און דאס האט יוסף באווארנט דורך מקדים זיין ובהדגשה — כמה פעמים — אז דאס וואס ער איז אין מצרים איז עס (ניט בבחירתו וברצונו, נאר) שלחני אלקים — בשליחותו של הקב״ה צו זיין דער „משביר (בר) לכל עם הארץ״[28], ובמילא האט ער ניט קיין רשות צו אוועקגיין.

ו. נאך אן ענין אין דער נויט־ווענדיקייט פון „מהרו ועלו אל אבי גו׳״:

רש״י האט שוין פריער[29] מפרש געווען, אז יעקב׳ס אבילות על בנו יוסף, איז כנגד די כ״ב שנה וואס יעקב האט ניט מקיים געווען כבוד אב ואם. און דערפאר, וויסנדיק אז די כ״ב שנה פון יעקב׳ס עונש האבן זיך געענדיקט, האט יוסף געפאדערט פון די שבטים „מהרו ועלו אל אבי גו׳״: וויבאלד אז דער זמן העונש האט זיך געענדיקט — דארף און מוז זיין „לא עכבם אפילו כהרף עין״[30].

[עפ״ז יומתק ביותר וואס יוסף האט געזאגט „מהרו ועלו אל אבי״ — ניט „אבינו״ — ווייל (נוסף לזה וואס דער צער פון יעקב איז געווען פארבונדן מיט יוסף׳ן, איז) דערמיט האט ער זיי מרמז געווען אז די מהירות איז פארבונדן מיט זיין, יוסף׳ס קענען מקיים זיין מצות כבוד אב („אבי״), וויבאלד עס זיינען שוין אריבער די כ״ב שנה של עונש אויף דעם וואס יעקב האט ניט מקיים געווען כיבוד אב שלו].

דערפון האט מען אויך די הוראה אין עבודת ה׳:

ס׳איז דא אמאל וואס מען דארף זיך באנוצן מיט א תנועה פון „שמאל דוחה״[31] — גבורה און עונש; דארף מען אבער וויסן, אז עס פאדערט זיך דער־ביי א זהירות יתירה אז מ׳זאל זיך ניט באנוצן מיט דער מדה יתר מכפי הצורך. ווי נאר עס קומט די רגע וואס איז ניט מוכרח דחי׳ וגבורה, דארף מען אין אן אופן פון מהירות, טאן אין דעם קו פון חסד וקירוב — „ימין מקרבת״.

(משיחת ש״פ ויגש תשל״ד)

---

28) מקץ מב, ו.

29) וישב שם. רש״י ישן ס״פ תולדות.

30) ראה רש״י (ממכילתא) בא יב, מא.

31) סוטה מז, א. סנהדרין קז, ב. הל׳ ת״ת לאדה״ז פ״ד סי״ז.

# ויגש ב

א. אויפן פסוק[1] „ומקצה אחיו לקח חמשה אנשים ויציגם לפני פרעה", איז רש"י מפרש: „מן הפחותים שבהם לגבורה שאין נראים גבורים שאם יראה אותם גבורים יעשה אותם אנשי מלחמתו", און ברענגט צוויי דיעות ווער זיינען עס געווען די חלשים שבשבטים: „ראובן שמעון לוי יששכר ובנימין אותם שלא כפל משה שמותם כשברכם אבל שמות הגבורים כפל (און ער רעכנט זיי אויס בפרטיות[2]) זהו לשון ב"ר[3] שהיא אגדת א"י, אבל בגמרא[4] בבלית[5] שלנו מצינו שאותן שכפל משה שמותם הם החלשים[6] ואותן הביא לפני פרעה[7] וכו' (און פירט אויס) ובברייתא דספרי שנינו בה בוזאת*[7] הברכה[8] כמו בגמרא[4] שלנו".

איז ניט פארשטאנדיק:

א) דאס וואס רש"י דארף ברייגנען פון רז"ל ווער פון די שבטים זיינען געווען די חלשים און ווער די גבורים, איז מובן, ווארום פון פשש"מ דא קען מען דאס ניט וויסן — וואס איז אבער בפשוטו של מקרא דא נוגע דער וויטערדיקער ביאור, די אריכות ופרטים אז דאס איז פארבונדן מיט „לא כפל שמותם כשברכם" אדער „כפל וכו'"? ובפרט אז רש"י צייכנט אן, סיי ווי סיי, דריי ספרים אלס מקור איז — הרוצה יבוא ויראה.

ב) פון דעם וואס רש"י ברייננגט צוויי דיעות (הפכיות) פון רז"ל איז מוכח, אז אין פשש"מ דא איז ניטא קיין הכרעה צווישן די דיעות (ס'איז נאר וואס אין ערשטן פירוש איז דא א געוויסער יתרון לגבי דעם צווייטן און דעריבער ברייננגט ער אים פריער) — איז דא אויף דעם א צווייענדיקע תמי':

(א) אין וזאת הברכה[9] זאגט רש"י מפורש אז „חמשה שבטים שבירך באחרונה זבולון גד דן נפתלי ואשר כפל שמותיהם לחזקם ולהגבירם לפי שהיו חלשים שבכל השבטים הם הם שהוליך יוסף לפני פרעה שנאמר ומקצה אחיו לקח חמשה אנשים", ד. ה. אז אין פשש"מ (וויבאלד ער זאגט עס בסתם, אן דער באווארעניש דורך זאגן „רבותינו דרשו" וכיו"ב) איז ער דארט מכריע (און ווי די צווייטע דיעה)?

(ב) אין פ' מטות[10] ודברים[11] זאגט רש"י ובפשטות — אז שבט גד איז

---

1) פרשתנו מז, ב.

2) ברש"י לפנינו מפרש הכפל יהודה גד נפתלי דן, ומסיים „וכן לזבולון וכן לאשר", ובדפוס ראשון ובדפוס שני ובכו"כ כת"י רש"י מפרש כולם (אף שגם שם ישנם שינויים). ולהעיר שסדר שמות השבטים שכפל בפרש"י (וכן בב"ר שמציין) אינם כפי סדר תולדותם ולא כפי סדרן בברכת משה (וכבר העיר ע"ז הרש"ש לב"ר שם), וראה לקמן הערה 31.

3) פרשתנו פצ"ה, ד. בב"ר לפנינו הוא באריכות יותר, ולהעיר שבדפוס ראשון ושני וכמה כת"י רש"י אי' בב"ר (וכיו"ב) ולא „זהו לשון ב"ר".

4) בדפוס ראשון ושני, וכמה כת"י: בתלמוד.

5) ב"ק צב, א.

6) בגמרא לא נאמר מפורש שהם היו החלשים אבל כ"ה פי' הפשוט שם, כמובן מהקושי' „יהודה נמי איכפולי איכפל", ראה פרש"י ותוס' שם. וראה לקמן הערה 22.

7) וכ"כ בתרגום יוב"ע כאן.

*7) להעיר שבכ"מ ובחומשים שלפנינו נקראה הפרשה „ברכה".

8) בברכת זבולון (לג, יח): למה נאמר לפי שנאמר ומקצה אחיו לקח חמשה אנשים ויציגם גו' ולא נתפרשו שמותם וזה אחד מהם. ועד"ז בגד (שם, כ) דן (שם, כב) נפתלי (כג) אשר (כד).

9) לג, יח.

10) לב, יז.

11) ס"פ דברים.